בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג



ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


# וכלם מאמינים


א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת חיי שרה תשפ"ה שנה י | גליון מס' 557


## פניני אמונים

### פנינים בעניני תפילה פון די וואכעדיגע פרשה

### די 'חובת השעה' איז פאר די 'חובת ההשלמה'

**"וַתָּמָת שָׂרָה בְּקִרְיַת אַרְבַּע הִוא חֶבְרוֹן בְּאֶרֶץ כְּנָעַן וַיָּבֹא אַבְרָהָם לִסְפֹּד לְשָׂרָה וְלִבְכֹּתָהּ"** (כג ב)

בדרך העולם ווען מען איז בצער פון א פטירה וועט די בכיה זיין פאר דער הספד. אזוי זעט מען אויך אין די פסוק אין ישעיה (כב יב): "וַיִּקְרָא ה'... בַּיּוֹם הַהוּא לִבְכִי וּלְמִסְפֵּד", אז די בכי איז פאר די מספד.

אזוי זעט מען אויך פון די גמרא (מו"ק כז ב): "שלשה ימים לבכי ושבעה להספד".

דא זעט מען אבער אן אנדערע סדר - דא שטייט ערשט די הספד און נאך דעם די בכי - פארוואס האט אברהם אבינו געטוישט די סדר?

אין דער ספר **'אסיפת יהודא'** ברענגט ער אראפ בשם א "גאון אחד" וואס איז מפרש ג' הלכה לויט ווי עס שטייט אין שלחן ערוך (או"ח קח א) אז ווער עס האט זיך טועה געווען און נישט מתפלל געווען איינס פון די תפילות דאווענט די נעקסטע תפילה צוויי מאל איינס לשם די יעצטיגע תפילה, די צווייטע אלץ א השלמה פון די פריערדיגע תפילה.

עס קען זיין אז די זעלבע בחינה איז געווען ביי אברהם אבינו. מיר ווייסן דאך (ב"ר נח ה) אז שרה אמנו איז בעצם נפטר געווארן ווען אברהם אבינו איז נאך געווען אין הר המוריה. עס קומט אויס אז ווען ער איז אנגעקומען קיין חברון האט מען שוין געהאלטן דריי טעג נאך די פטירה פון שרה אמנו און וויל אברהם אבינו האט פארפעלט די ימי בכי האט ער יעצט אנגעהויבן משלים זיין וואו ער האט געהאלטן דעמאלטס אבער איידער ער האט אנגעהויבן משלים זיין די בכי האט ער געדארפט אנהייבן מיט וואו ער האלט יעצט און יעצט איז ער געשטאנען ביי די הספד - וועגן דעם האט ער ערשט אנגעהויבן מיט די הספד און נאך דעם איז ער אריבער צו די בכי.

'אסיפת יהודא' [פרנקפורט תקכ"ג]

### יצחק האט מתקן געווען תפילת מנחה

**"וַיֵּצֵא יִצְחָק לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה לִפְנוֹת עָרֶב וַיִּשָּׂא עֵינָיו וַיַּרְא וְהִנֵּה גְמַלִּים בָּאִים: וַתִּשָּׂא רִבְקָה אֶת עֵינֶיהָ וַתֵּרֶא אֶת יִצְחָק וַתִּפֹּל מֵעַל הַגָּמָל"** (כד סד - סה)

דער רב פון שכונת עזרת תורה **רבי יחיאל מיכל שטרן** האט אמאל געזאגט בדרך צחות אז רבקה איז אראפגעפאלן פון דער קעמל זעענדיג ווי יצחק דאווענט מנחה, ווייל עס איז שוין געווען "לפנות ערב" און זי איז געווען זיכער אז ער שטייט אויף אזוי שפעט... און דאווענט אזוי שפעט.

דער אמת איז אז יצחק אבינו האט דעמאלטס מתקן געווען די תפילה פון מנחה ווי חז"ל זאגן שוין אין די גמרא (ברכות כו ב) אויפ'ן פסוק "ויצא יצחק לשוח בשדה" אז יצחק האט מתקן געווען תיקן תפילת מנחה ווייל שיחה איז מלשון תפילה" ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים קב א): "תפלה לעני כי יעטף ולפני ה' ישפך שיחו".

'דרשות לפרשת השבוע'

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### מאן בעי חיי?

צו אסאך גוטע זאכן איז זוכה דער וואס ענטפערט אמן, איינס פון די זאכן איז אריכות ימים ושנים, ווי חז"ל זאגן אין די גמרא [ברכות מז.א]: "כל המאריך באמן מאריכים לו ימיו ושנותיו" (ברכות מז א). די בעלי התוספות ברענגען אויף איר א רמז פון די פרשה. דער פסוק איז מעיד אז אברהם אבינו האט זוכה געווען צו אריכות ימים ווי עס שטייט קלאר ארויס (כד א): "וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים וַה' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל" און די סופי תיבות פון "'זָקֵן בָּא בַּיָּמִים' - איז 'אמן'.

פון דא איז א ראיה אז ווער עס ענטפערט אמן איז זוכה צו אריכות ימים.

אלע יארן פלעג איך שטיין און שטוינען ווי אזוי דער זעלבער מענטש וואס לייגט אריין אומגעהויערע כוחות אין גאראנטירן זיין געלט און וועט זיך איינקויפן א גוטער אינשערונס פלאן - וועט אין די זעלבע צייט מזלזל זיין אין ענטפערן אמן וואס פאדערט נישט קיין שום אינוועסמענט אבער די גאראנטי פאר איר איז זייער הויך.

נאך מער פון דעם, די אינשערונס וואס דער מענטש מאכט קען אים נישט פארזיכערן אז ער גייט לעבן. עס קען אזויפיל טון ווי געבן גאראנטי פאר'ן מענטש אז ער וועט צוריקזען זיין געלט. דאגעגן דער זאגן 'אמן' כהלכה האט זיך דער כח צו פאלענגערן דאס לעבן פון א מענטש און אים באשוצן פון אנדערע שלעכטס.

דער מחבר אין שלחן ערוך ווען ער רעדט פון 'אמן' זאגט ער אז ווען מען ענטפערט אמן במתינות אזוי ווי די הלכה פאדערט אז עס זאל זיין אין איר אזוי לאנג ווי די ווערטער 'א-ל מלך נאמן'" נעמט זיך דער מענטש ארום מיט א מויער און היט זיך אפ פון אלע שלעכטס ווי דער פסוק זאגט (תהלים צא ז): "יפל מצדך אלף ורבבה מימינך אליך לא יגש".

די גמרא אין עבודה זרה דערציילט (יט ב) אז דער אמורא רב אלכסנדרי איז ארום אין די גאסן און אויסגערופן בקול גדול: "מאן בעי חיי? מאן בעי חיי?". ווען עס האבן זיך צוזאמענגענומען ארום אים דער ציבור האט רבי אלכסנדרי געעפענט דער תהלים און פארגעליינט פאר זיי די פסוקים אין תהילים (לד יג -טו): "מי האיש החפץ חיים אהב ימים לראות טוב; נצר לשונך מרע ושפתיך מדבר מרמה; סור מרע ועשה טוב בקש שלום ורדפהו".

אז מען לערנט אפ די ווערטער פון די חכמים קען מען צולייגן אז די זעלבע שאלה פרעגט זיך אויך דא. מען ווענדט זיך צו יעדן איינעם און מען פרעגט אים די שאלה "מאן בעי חיי?" ווער וויל זוכה זיין צו אריכות ימים? אויך דא איז די תשובה אז אלעס ווענדט זיך אין דער מויל פון א מענטש, פון איין זייט איז דא די הבטחה פאר אריכות ימים פאר ווער עס היט אפ זיין מויל און דאגעגן איז דא דער "עשה טוב" - אז מען זאל ענטפערן אמן כהלכה. ווען מען איז מקיים דער ענטפערן 'אמן' כהלכה איז מען אויך מקיים דער פסוק פון "בקש שלום ורדפהו" - ווייל ווען א מענטש איז מכבד זיין חבירו און איז משלים זיין אמן איז ער אין די בחינה פון "רודף שלום"!

לאמיר אויפשטיין פרי און ענטפערן אמן כהלכה נאך די ברכת השחר און עס וועט זיכער מקויים ווערן ביי אונז די הבטחה פון די חכמים און מיר וועלן זוכה זיין צו א זקנה ושיבה לאורך ימים ושנים טובות, אמן.

**מיט די הבטחה פון "וה' ברך את אברהם בכל"!**
**שבת שלום,**

יעקב דוב מארמארשטיין

# — מאן דיהיב חיי יהיב מזוני —

א פשוטער אבער אן ערליכער איד איז געווען שמעון דער בעל עגלה.

מיט זיין פערדל און זיין וואגן איז ער ארומגעפארן פון איין שטאט צו אנדערע. מערערע סארט קליענטן האט שמעון געהאט אבער די באליבסטע זענען געווען די חסידים וועלכע האבן געמאכט א קביעות צו פארן מיט אים צו זייער רבי'ן קיין טשערנאבעל צום גרויסן מגיד פון טשערנאבעל.

יעדע שבת מברכים פלעגן זיי זיך ארויסלאזן אויף זייער וועג נוצנדיג שמעון אלץ זייער בעל עגלה.

קיין גרויסער מבין איז שמעון נישט געווען אבער אויך מיט זיין שוואכע קענטעניס האט ער פארשטאנען אז די רייזע איז געהויבענער און געשמאקער ווי אנדערע רייזעס. דורכאויס די רייזע פלעגן די חסידים פאברענגען בתורה און זיך דערהייבן אז אויך אין זיין מאגערע נשמה האט זיך עפעס אנגעקלעבט.

מערערע מאל פלעגן זיי פארשלאגן פאר שמעון אז ער זאל אויך אריינגיין צום רבי'ן און זיך מזכיר זיין לישועה ורחמים אבער שמעון האט איגנארירט די ביטע זאגנדיג אז ער זייער בעל עגלה און ער בלייבט אינדרויסן, ער נעמט זיי אהין, צוריק, אבער מער ווי דעם האט ער נישט געוואלט הערן.

און אויסנאם איז געווען יענער זונטאג. נאך לענגערע הפצרות פון די חסידים האט שמעון זיך געבראכן און איז אריין צום רבי'ן. די געהויבענע חסידים זענען געווען זיכער אז דער באזוך וועט געדויערן א מינוט אויפ'ן זייגער אבער צו זייער שטוינונג איז נישט געווען קיין ענדע זעענדיג ווי שמעון פארזוימט זיך אינעווייניג אין צימער פון דעם רבי'ן.

וואס קען ער שוין רעדן מיט'ן רבי'ן? האבן זיך די חסידים געוואונדערט אבער אויך נאכ'ן ארויסקומען האט שמעון נישט געוואלט מיטיילן.

זיין פנים האט עדות געזאגט אז די איבערלעבעניש אינעווייניג איז געווען דערהויבן אבער מער ווי דעם האט שמעון נישט געוואלט דערציילן.

טיף אינמיטן וועג ווען די חסידים האבן איבערגערעדט די איבערלעבעניש ביים רבי'ן האט זיך שמעון זיך געבראכן און אנגעהויבן צו דערציילן איבער זיין פערזענליכע איבערלעבעניש.

"ענק רעדן איבער די התעלות וואס איר האט געהאט ביים רבי'ן. קיין איינער פון ענק האט נישט געהאט אזא התעלות ווי איך האב געהאט".

די אנוועזענדע זענען געווען ערשטוינט צו הערן אזאנע ווערטער אבער דא האט שמעון אנגעהויבן צו פארציילן.

"ווען איך בין אריינגעקומען צום רבי'ן אין צימער האט זיך דער רבי' אינטערעסירט ביי מיר וואס איך טוה און וואס איז מיין סדר היום. איך האב דערציילט פאר'ן רבי'ן אלעס ווי אזוי עס גיין צו די טעג ווען איך האב נישט קיין ארבעט. אין די טעג הייב איך אן מיין טאג אין שול וואו איך דאווען און שפעטער בלייב איך אויף א שיעור".

"און די טעג וואס דו האסט יא אן ארבעט?". האט דער רבי' געוואלט וויסן.

איך האב זיך געשעמט צו ענטפערן אבער דער רבי' האט געדרוקט און איך האב אים זיך נישט געקענטאראויסדרייען.

"אין די טעג וועל איך פון בעט גיין צו די וואגן, איך וועל באשמירן די רעדער מיט אויל, באקוקן די רעדער צי זיי זענען גוט. דאס אליין וועט נעמען צייט. עס וועט בלייבן וויניג צייט צו דאווענען און פאר תפילין לייגן. איך וועל אלעס מאכן געיאגט, אבי צו ענדיגן ווי פריער".



דער אוהל אויפ'ן ציון הק' פון דער טשערנאבלער מגיד אין די שטאט אניטעווקע בשכינות פון די שטאט קיעוו

פ א ר ו ו א ס זאלסטו נישט א ו י פ ש ט י י ן פריער און אנהייבן די ארבעט נאך דעם וואס דו ענדיגסט צו דאווענען? האט דער רבי' געוואלט פארשטיין.

"ווייל אויב איך וועל נישט זיין באצייטנס וועלן די ביסל קליענטן וואס איך האב אוועקגיין פון מיר".

"איך וויל דיר דערציילן א מעשה". האט דער רבי' אנגעהויבן דערציילן.

א איד איז אמאל געפארן אונטערוועגנס. נאך א לאנגער צייט וואס ער האט שווער געארבעט איז אים געלונגען אנצוזאמלען א שיינע סומע געלט. מערערע סארט געלטער האט ער פארמאגט. אין איין זעקל האט ער אריינגעלייגט די טייערע זילבערנע מטבעות, אין א צווייטע די גאלדענע און א דריטע די קופערנע.

רייזנדיג אויפ'ן וועג האט ער אכטונג געגעבן אויף דאס געלט ווי די שווארץ אפעל פון זיין אויג וויסנדיג אז דאס איז זיין האב און ביסן פאר זיין לעבן.

דעם קומענדיגן פרייטאג איז ער אנגעקומען אין א שטאט. נו, שבת מעג מען דאך נישט פארן אבער וואו לייגט מען אוועק דאס געלט? טראכטנדיג אז ער קען דאך קיינעם נישט דא אין די שטאט איז אים איינגעפאלן צו בעטן דער רב פון די שטאט, א רב קען מען געטרויען.

מיט ציטערדיגע הענט האט ער זיך דערנענטערט צום רב פון די שטאט און אריינגעלייגט ביי אים דאס געלט.

דער רב האט גענומען דאס געלט און אים געוויזן וואו ער גייט עס אוועקלייגן אבער דער איד איז נישט געווען רואיג. אגאנץ שבת האט ער גע'דאגה'ט וועגן זיין געלט און גלייך מוצאי שבת איז ער געקומען צו לויפן צום רב בעטנדיג זיין געלט.

דער רב האט נישט געצעגערט און אים איבערגעגעבן די דריי זעק אבער זייענדיג באזארגט האט ער חושד געווען אז מען האט אראפגעצאפט פון דאס געלט. אין איילעניש האט ער איבערגעציילט די גאלדענע מטבעות. ווען דאס האט געשטימט האט ער אנגעהויבן ציילן די זילבערנע און דאן איז ער איז אריבער צו ציילן די קופערנע קאפיקעס.

דא האט זיך דער רב שוין גערעגט אויף אים.

"אלעס האט א גרעניץ! דו זעסט דאך אז איך האב דיר אלעס צוריקגעגעבן, עס פעלט נישט קיין גרייצער, דא ביי די קופערנע - דא וועל איך דיר בא'גנב'ען".

האט דער רבי' אויסגעפירט פאר שמעון

"דער רבוש"ע גיט אונז אלעס. יעדע נאכט געבן מיר איבער די נשמה פאר אים. ער גיט עס צוריק גאנצערהייט, מיט אלע גלידער, אלעס איז דא, מען קען זיך פארלאזן אויף אים מיט פארמאכטע אויגן, דו געטרויסט אים, אבער דא, ווען עס קומט צו אפאר קליינע קאפיקעס - אביסל פרנסה - אז ער זאל דיר צושטעלן קליענטן אויך ווען די דאווענסט פריער - געטרויסט אים מער נישט".

דער געדאנק איז אריין ביי שמעון - מיט א דערהויבנקייט האט ער זיך אנגערופן צו די חסידים.

נו זאגט איר - ווער האט געהאט מער דערהויבנקייט ביי די נסיעה - איר אדער איך?

'ברכת דוד' בהר

הרב צבי אלימלך
האלטאוואסקי שליט"א
בית הכנסת 'נדבורנה', ירושלים

די קאך און די ברען וואס דער חסיד רבי צבי אלימלך האלטאוואסקי שיינט אויף דער גאנצער ארומיגער סביבה אז מען דערקענט עס פונדערווייטענס.

מען הייבט נאר אן צו רעדן מיט אים און שוין גליטש זיך עס אריין צו רעדן איבער די טיפע סוגיא פון אמן און איבער די אמונה אין אן אמן.

רעדנדיג מיט אים זאגט זיך ווי פון זיך אליין אז כל חפציה לא ישוו בה צו די מצוה פון עניית אמן.

טאג טעגליך שטייט ער אויף זיין משמר אין די נאדווארנער שול אין ירושלים עיה"ק און איז מסדר די אמנ'ס.

אין א שמועס וואס מיר האבן מיט אים געט ער אונז ארויס זיינע הרגשים צו די גרויסע מצוה.

**מיר זאגן אים א גוט'ן טאג און מיר פרעגן אים פון וואו נעמט ער די כוחות צו שטיין טאג איין - טאג אויס און נאכזאגן די אמנ'ס נאך די מתפללים?**

"דער אמת איז אז די כוחות שעפ איך ארויס פון די מתפללים. עס איז דא טעג וואס איך הייב זיך אן צו פארשלעפן אבער גלייך שפיר איך די דרוק פון די אידן וואס זענען אין שול. זעענדיג ווי חשוב עס איז פאר זיי - יאג איך זיך אונטער און כ'קום אין שול אריין.

עס איז א מצב אז עס ארבעט אויףביידע זייטן. איך קום פרי צו מזכה זיין די מתפללים, די מתפללים קומען פרי ווייל זיי ווילן מיר מזכה זיין און ביידע זייטן פארדינען פון דעם.

**אין א שול וואו דער ציבור איז מייקר די מצוה פון עניית אמן ווילן מיר הערן ווי אזוי קומט עס צו ענק?**

די שאלה פירט צוריק רבי צבי אלימלך צו זיינע יונגע יארן ווען ער האט געליטן פון א שווערע מחלה רח"ל.

"עס איז געווען א שווערע צייט. איך בין נאך געווען א יונגער בחור ווען א מחלה האט מיר באטראפן. די דאקטורים זענען געווען אובד עצות גלייבנדיג אז מיינע טעג זענען געציילטע אבער ווי מיר זען אלע בין איך נאך דא חי וקים.

אין יענע טעג האב איך זיך אסאך געשטארקט אין די נושא פון אמונה און ווי די ליבע ליינער ווייסן שוין איז אמונה מיט אמן איין זאך און ווי דער מגלה עמוקות זאגט עס מיט א קלארקייט אין פרשת ואתחנן וכלשונו: 'עיקר האמונה נתלה בעניית אמן'.

עס שטייט אין דער מגלה עמוקות אבער יעדער איד וואס לעבט מיט דעם שפירט עס אויף זיין אייגענע הויט. ער שפירט ביי זיך ווי עס הייבט אויף זיין אמונה, ווי ער ווערט שטערקער מיט די אמונה נאך דעם וואס ער שטארקט זיך אין די אמונה.

דער 'בית אהרן' שרייבט אין זיין סדר היום איבער די ענין און מיר ציטירן דא זיינע ווערטער:'אני מסכים שכל אחד ישמע מחבירו כל ברכה שצריך לאומרה בכדי שיענה אמן. כי איתא בכתבי האר"י ז"ל שהיה שומע ברכת השחר אפילו ממאה אנשים, אף על פי שהיה יכול ברגע אחד לייחד כל העולמות, אפילו הכי לא השגיח על זמנו ולא היה מתעצל לשמוע אפילו מאה פעמים, 'הנותן לשכוי בינה' וכל הברכות'.

עס איז מורא'דיגע ווערטער. ווען מען טראכט אריין אין זיי כאפט עס א ציטער. פון איר זעט מען די חשיבות פון אן אמן און



הרב האלטאוואסקי ביי זיין משמרת
אין די נאדווארנער שול אין ירושלים עיה"ק

ווי אזוי דער 'אמן' איז ביי דער הייליגער אר"י הק' געווען חשובער ווי גרויסע יחודים.

**איר זאגט מורא'דיגע ווערטער אבער לאמיר הערן ווי אזוי קען א איד זיין אזוי דבוק אין אן אמן און קומען טאג נאך טאג אין שול אריין און זאגן אמן?**

דער אמת איז אז דאס איז די מעלה פון א גבאי אמן. ווען א איד געט זיך אוועק פאר'ן אמן ווערט ער געבינדן צו דעם אמן און ער הייבט אן צושפירן א שייכות מיט איר. די 'אמן' ווערט ביי אים א דבר יקר, ווי א דימאנט שטיין, איך קען אידן וואס ציילן די אמנ'ס, עס איז ביי זיי אזוי טייער, אז יעדער אמן איז ביי זיי אן אוצר.

**וועלכע עצות נוצט איר צו באהעפטן די אידן פון שול צו די אמנים?**

דער אמת איך אז כ'לייג נישט אריין אזויפיל מחשבה ווי אזוי צו באהעפטן דעם ציבור. עס זעט מיר אויס אז דער ציבור איז שטארק מחובר דערצו. נישט לאנג צוריק האב איך גערעדט מיט א איד וואס וואוינט אין וויליאמסבורג -ער זאגט מיר אז אויף די באסעס פון וויליאמסבורג קיין בארא פארק הענגען גרויסע פלאקאטן מיט שילדן איבער די גרויסקייט פון ענטפערן אמן אבער רעדנדיג ווי אזוי מ'מאכט עס אין שול גלייב איך אז דער אויפנעמען שיין און באגריסן די וואס קומען מאכן ברכות העלפט אסאך צו פאר די מתפללים און הייבט אויף זייער אפעטיט צו ווען קומען מער.

מען דארף עס ארויסווייזן, מען דארף זיי געבן דער געפיל אז דו האסט רייכער געמאכט מיין לעבן מיט נאך 15 דימאנטן און דאס מוטיגט די אידן צוקומען מער.

**אויב איז עס אזא גרויסע זאך פארוואס איז דא אנדערע וואס זעען נישט איין איר גרויסקייט?**

די סיבה איז ווייל דער ציבור איז נישט גענוג באוואוסטזיניג מיט די חשיבות המצוה. די סארט אידן ווייסן נישט צו שעצן אן אמן און אז יעדע אמן איז בריליאנט. פאר די אידן שלאג איך פאר אז זיי זאלן עס אויספראבירן. נאר דער וואס פראבירט עס אויס ווייסט צו שעצן די זאך. איך זאג זיי מאך זיך א חברותא צופרי' און דו וועסט קומען צום טעם.

דער איד הייבט אן דער טאג מיט די אמן. אז א איד הייבט אן דער טאג מיט אמונה איז דער גאנצער טאג אנדערש און מען בלייבט געבינדן צו איר אויף אייביג אז מען קען עס נישט אפלאזן.

מיט אמונה קען מען דורכגיין די שווערסטע זאכן. עס איז דא אידן וואס ווערן צובראכן פון קלייניגקייטן און עס איז דא וואס זענען שטארק ביי ריזיגע זאכן. דער חילוק פון איינעם צו דעם אנדערן איז דער בליק אויפ'ן צוגאנג צו די לעבן און דאס איז מען קונה מיט אמונה און די אמונה הייבט זיך אן מיט דער אמן.

**אלץ איינער וואס איז שוין אזויפיל יארן אין די ליניע צי קענט איר מיר דערציילן אן אויסטערלישע פאסירונג וואס איר האט מיטגעלעבט?**

איך אליין בין די גרעסטע ראיה. ווי געזאגט אין אנהייב פון דער שמועס בין איך אלץ יונג בחור'ל געווען קראנק אז די דאקטורים האבן אויפגעגעבן אויף מיר אבער ברוך ה' אז איך בין דא. אין יענע צייטן האב איך אייביג מקפיד געווען צו מאכן ברכות און אז איינער זאל ענטפערן נאך איר אמן. די ברכות האט מיר געשטארקט. עס האט מחזק געווען מיין געפיל אז עס איז דא א 'מתיר אסורים' און א 'פוקח עורים' און אז די וועלט זיך פון אויבן.

עס איז ביי מיר א דבר ברור אז דאס האט מיר דערהאלטן ביים לעבן און בעזר ה' וועלן מיר ממשיך זיין מיט דעם אלע מיינע יארן.

# רזי אמונים

## רמזים פון די מאה ברכות און פון אמן אין די וואכענדיגע פרשה

### אמן – א סגולה אויף אריכות ימים

"וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים וַה' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל" (כד א)

די בעלי התוספות זאגן אז די ווערטער: "זָקֵן בָּא בַּיָּמִים' - איז די סופי תיבות אמן.

זיי ברענגען פון דעם א ראיה פון פסוק צו דער מאמר חז"ל (ברכות מז א): "כל המאריך באמן - מאריכים לו ימיו ושנותיו".

**דער חכם מנחם מנשה** איז מוסיף אז עס אין די ווערטער "בא בימים" איז אויך מרומז דער וואס ענטפערט 'אמן' וועט זוכה זיין צו חיי עולם הבא און ווי חז"ל זאגן (שבת קיט ב): "כל העונה אמן בכל כוחו פותחים לו שערי גן עדן".

פון דער המשך הפסוק: "וַה' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל" לערנט מען ארויס אז אין זכות פון אמן איז מען זוכה צו כל טוב און צו שפע ברכה והצלחה בנים אושר ועושר רוב נחת שלווה וכל טוב".

תוספות השלם; 'אהבת חיים השלם

### דער עונה אמן איז גדול מן המברך

**דער קאדינאווער רבי יעקב יצחק** האט געזאגט:

חז"ל אין ברכות זאגן אונז [ברכות נג.ב] אז גדול העונה יותר מן המבורך, די בחינה איז דא מרומז אין די פסוק.

בשם די בעלי התוספות זאגן אז די גרויסקייט פון דער 'אמן' איז מרומז אין די סופי תיבות פון די ווערטער: "זָקֵן בָּא בַּיָּמִים" אבער די ברכה אליין איז מרומז שפעטער אין די ווערטער: "וַה' בֵּרַךְ".

מען זעט אז די תורה האט מקדים געווען ערשט די 'אמן' פאר די ברכה - ווייל גדול העונה מן המבורך.

'אמרי יעקב'

### די שכר פון א ברכה "עֲשָׂרָה זָהָב"

"וַיִּקַּח הָאִישׁ נֶזֶם זָהָב בֶּקַע מִשְׁקָלוֹ וּשְׁנֵי צְמִידִים עַל יָדֶיהָ עֲשָׂרָה זָהָב מִשְׁקָלָם" (כד כב)

די גמרא אין חולין (פז א) דערציילט אז עס איז געווען א מעשה מיט איינער וואס האט אויסגעכאפט פון א צווייטן די מצוה פון כיסוי הדם און רבן גמליאל האט מחייב געווען דער וואס האט אויסגעכאפט די סומע פון צען זהובים.

פון יענע גמרא לערנט מען ארויס אז די פרייז פון א ברכה איז צען זהובים - ווייל רבן גמליאל האט אים געהייסן געבן צען זהובים.

דער אור זרוע רבי יצחק מוויען זאגט בשם זיין רבי **רבי יהודה החסיד** אז פון וואו לערנט מען ארויס אז א ברכה איז ווערד צען זהובים? מען לערנט עס ארויס פון די וואכענדיגע סדרה.

אין די פרשה שטייט ביי די באזוך פון אליעזר ביי רבקה"עֲשָׂרָה זָהָב מִשְׁקָלָם".

אויבנאויף איז שווער פארוואס האט די תוה"ק געדארפט ארויסזאגן די ווערדן פון די צמידים נאר די תוה"ק זאגט דא אז די צמידים האט אליעזר געגעבן פאר רבקה אויף אן אפצאל פאר די ברכה וואס רבקה גייט אים געבן זאגנדיג (להלן פס' כז): "בָּרוּךְ ה' אֱלֹקֵי אֲדֹנִי אַבְרָהָם", און ווייל אליעזר האט געלערנט פון אברהם אבינו אז די ווערד פון א ברכה איז צען זהובים האט ז' אים געגעבן צען זהובים.

דער 'תורת חיים' לייגט צו נאך א ראיה פון וואו מען ווייסט אז דא איז דער מקור צו זהובים פון דער לשון החז"ל אז א ברכה איז ווערד צען זהובים. די חכמים האבן זיך באנוצט מיט דער לשון פון זהובים און נישט מיט דינרים אדער סלעים ווי אייביג ווייל זיי זענען געגאנגען מיט'ן מקור - ווייל די מקור צו די ווערד שטאמט פון דא און ווייל דא שטייט צען זהובים איז דא אויך דא צען זהובים.

מיט די בחינה געט ער אויך צו פארשטיין די ווערטער פון דוד המלך אין תהלים (פד יא): "כִּי טוֹב יוֹם בַּחֲצֵרֶיךָ מֵאָלֶף בָּחַרְתִּי הִסְתּוֹפֵף בְּבֵית אֱלֹקַי"; אז די כוונה איז אז עס איז מיר בעסער א טאג אין דיין **חצר מאלף** - פון טויזנט זהובים ווייל אויב ער וועט אויפשטיין אינדערפרי און קומען אין שול און מאכן מאה ברכות און פאר יעדע ברכה איז דא צען זהובים און צען מאל הונדערט איז טויזנט - דער "מֵאָלֶף" און ווייל עס איז מיר חשוב האב איך בוחר געווען: "בָּחַרְתִּי הִסְתּוֹפֵף בְּבֵית אֱלֹקַי" און די גרויסע שכר - ווייל איך וויל עס א באקומען.

'אור זרוע' ח"א סי' שצט; 'תורת חיים' ב"ק צא ב

אויף די ווערטער פון דער 'תורת חיים' קען מען צולייגן א רמז צו די ווערטער פון ש"ך (חו"מ שפב ז) אז די שכר פון צען זהובים איז דווקא אויף א ברכה וואס מען ענטפערט אויף איר אמן ווייל די ראשי תיבות פון די ווערטער: "כִּי טוֹב יוֹם בַּחֲצֵרֶיךָ מֵאָלֶף בָּחַרְתִּי הִסְתּוֹפֵף בְּבֵית אֱלֹקַי" באטרעפט כמנין אמן.

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



די מירער ישיבה אין ברוקלין ניו יארק

### דער בעל 'סוכת דוד'

#### כ"ד בחשוון תשי"ע

דער גאון רבי דוד קוואט איז געבוירן געווארן אין יאר תרע"ט צו זיין פאטער רבי אברהם אליעזר פון די חשוב סלאנימער חסידים אין די שטאט ביאלאסטאק. פון יונגווייז אן האט זיך דערקענט זיין התמדה, זיין אויסטערלישע שקידה אין תורה, נאך אין זיינע יונגע יארן האט מען אים אנגענומען אלץ א תלמיד אין די מירער ישיבה.

אין די יארן פון די צווייטע וועלט קריג האט ער אויסגעוואנדערט מיט די מירער בחורים אין שאנכיי. נאך די מלחמה איז ער אריבער וואוינען אין ניו יארק. אין די 'כ' יארן האט ער אנגעהויבן פארלערנען שיעורים אין די מירער ישיבה פון פלעטבוש. מיט די יארן איז ער נתמנה געווארן צו דינען אלץ רב פון די 'אגודת ישראל' שול אויף די אכצעגטע עוועניו אין בארא פארק.

רבי דוד האט זוכה געווען צו זיין פון די גדולי מרביצי התורה אין אמעריקע. ער האט אויפגעשטעלט אסאך תלמידים און מחדש געווען אסאך חידושים. עס איז געבליבן פון אים די ספרים 'סוכת דוד' על התורה והש"ס.

כ"ד חשון תש"ע אין די עלטער פון 91 יאר האט ער צוריקגעגעבן זיין נשמה לבוראו - מען האט אים געלייגט אין הר הזיתים.

### אמן מיט די גאנצע כוונה

דער צדיק **רבי משה קאברינער** האט אמאל געזאגט אז דער פסוק (בראשית ז א): "ויאמר ה' לנח בֹּא אַתָּה וְכָל בֵּיתְךָ אֶל הַתֵּבָה" גייט ארויף אויף תפילה, עס איז אן אזהרה אז ווען א איד דאווענט זאל ער מאכן זיכער אז ער לייגט אריין אין איר זיין גאנצער הארץ און זיין גאנצער מחשבה.

דער בעל 'סוכת דוד' (בראשית שם) צייכענט צו אז דאס האבן חז"ל געמיינט זאגנדיג אין מסכת שבת ( קיט ב): "כל העונה אמן בכל כוחו פותחים לו שערי גן עדן".

אין תוספות אויפ'ן ארט (שם ד"ה כל) איז ער מפרש אז דער "בכל כוחו" מיינט "בכל כוונתו", אז ווען דער איד דאווענט זאל ער אריינגיין כל כולו אין דער 'אמן' - אז ער זאל עס זאגן מיט די גאנצע כח און מיט די גאנצע כוונה.